# דער פאַרפּלאָנטערטער אַדרעס

פּאַסירט האָט עס מיט הערמאַנ׳ען אין א גרויסער שטאָדט אין וועסט אייראָפּא.

ער איז דעמאָלט געווען יונג, פאַר דרייסיג. עס האָט איהם געצויגען צו לעבען און צו ליעבע, צו פאַרגעניגען און גענוס.

און דאָס אַלץ האָט זיך געדרעהט אַרום דער פרוי.

און וואָס ער האָט געטאָן איז דאָס געווען פון איהרעט וועגען.

איז ער געווען אין אַרבייטס־פעהיגען צושטאַנד, איז עס צוליעב איהר געווען. האָט ער זיינע אַרבייטער פאַרנאַכלעסיגט, איז עס ווידער צוליעב איהר געווען.

איז ער געזעסען לאַנג אין איין שטאָדט, און האָט זיך ניט געקענט שיידען מיט איהרע גאַסען און פּלעצער, איז די אורזאַך געווען א פרוי; האָט ער די שטאָדט פאַרלאָזט און זיך געלאָזט וואַנדערען, וואַנדערען און פאַרגעסען זיך, איז עס אויך צוליעב א פרוי געוועזען.

פריינד האָבען איהם געהאַלטען פאַר א לייכטזיניגען. פון אויבען־אויף איז ער ווירקליך לייכטזיניג געווען. אָבער אין דער טיעפעניש פון זיין נשמה האָט ער באַגעהרט דאָס גרויסע און דאָס וויכטיגע און דאָס ערהאַבענע...

פון אַלע פריידען איז איהם שטענדיג אומעטיג געווען און שטענדיג האָט איהם עפּיס געפעהלט.



ביז ער האָט זיך געטראָפען מיט נאָך איינער... דאָס האָט פּאַסירט אין א גרויסער שטאָדט אין וועסט אייראָפּא.

ער איז געזעסען מיט זיינעם א באַקאַנטען אין א נאַכט־קאַפע, איינע פון די רייכסטע אין דער גרויסער שטאָדט. אין מיטען פון גרויסען זאַל זיינען געזעסען די מוזיקאַנטען. אַכט אין צאָהל. אין דעם פרייען שטח האָבען אַרומגעשוועבט ווי שמעטערלינגען מיידלאַך, געקליידט אין זעהר לייכטע און דורכזיכטיגע קליידער. זיי האָבען קאָקעטירט מיט יעדען פון די געסט, וואָס זיינען געזעסען ביי טישלאַך אָהן פרויען. הערמאַן האָט זיי באַטראַכט, ווי איינער וואָס איז ערפאַהרען און מען קען איהם ניט אָפּנאַרען... זיין באַקאַנטער האָט איהם פון צייט צו צייט פאָרגעשלאָגען צוצורופען איינע פון די אַרומפלאַטערענדע שמעטערלינגען.

הערמאַן האָט זיך ענטזאַגט, שמייכלענדיג מיט א שמייכעל פון א סקעפּטיקער.

— זיי געפעלען מיר ניט...

— אָט די בלאָנדע איז הערליך! — האָט דער באַקאַנטער מבינות געזאָגט...

— יא, ניט שלעכט... — האָט הערמאַן, בעאָבאַכטענדיג, געמורמעלט. — אָבער עס איז ניט דאָס, וואָס עס גלוסט מיין האַרץ, איהר פאַרשטעהט — מיין האַרץ!... זי איז שעהן, אָבער עס פעהלט אין איהר דאָס מיסטעריעזע... איך האָב ליעב א פרוי מיט א סוד...

און ווי ער האָט אַזוי גערעדט און באַטראַכט די אַלע פאַרביי־שפּאַציערענדיגע, וועלכע האָבען צו איהם געמאַכט אַלערליי חנ׳־דלעך און זיך געצויגען צו איהם, ווי שמעטערלינגע צום פייער, איז פּלוצלינג זיין בליק געפאַלען אויף א יונגע דאַמע, וואָס איז געזעסען נעבען די מוזיקאַנטען, אָנגעטאָן אין מאַנטעל און אין הוט... אָנפאַנגס האָט זי געמאַכט דעם איינדרוק, ווי זי איז איינע פון די לייכטזיניגע, וואָס איז נאָר וואָס אַריין און וועט זיך באַלד אַראָפּנעהמען דעם מאַנטעל און הוט און וועט זיך פאַר־מישען מיט די איבעריגע איהרע שוועסטער. אָבער באַלד האָט

הערמאַן באַמערקט, אַז זי איז דאָ גאָר אַן אַנדערע, אַ פאַרבלאָנדזשעטע. ער האָט פון איהר ניט אַראָפּגענומען די אויגען.

— אַ וואונדערבאַרעס וועזען! — האָט ער באַמערקט, ווי פאַר זיך, ווענדענדיג זיך צום באַקאַנטען.

— רופט זי צו... — האָט ער דעם באַקאַנטען פאָרגעשלאָגען.

ער האָט ווידער געשיקט זיינע בליקען צו איהר, רופענדיג, בעטענדיג און פול מיט אינערליכען באַגעהר.

זי האָט זיינע בליקען באַמערקט און נאָך אַ לאַנגען דועל מיט די בליקען, האָט זי זיך ענדליך אונטערגעגעבען: זי האָט אַ שמייכעל געטאָן, אַ שמייכעל פון אַ פרוי, וואָס איז אי זינדיג, אי צנועה׳דיג, וואָס ווייס שוין אַלעס און ווייס דאָך גאָרנישט.

איהר שמייכעל האָט הערמאַנ׳ס הארץ באַלויכטען אין אַלע ווינקעלעך...

— איך בעט אייך, רופט זי־צו צו אונזער טישעל! — האָט ער זיך געבעטען.

דער באַקאַנטער איז צוגעגאַנגען צו איהר, האָט איהר עפּיס איינגערוימט. הערמאַן האָט געזעהן, ווי זי לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. באַלד האָט זי איהר קאָפּ צוריק אויפגעהויבען, געשמייכעלט צו הערמאַנ׳ען און האָט זיך אויפגעשטעלט.

הערמאַן האָט זיך אויפגעהויבען פון פּלאַץ און האָט זי באַגעגענט שטעהענדיגערהייט מיט אַ שמייכלענדיגען געזיכט.

ער האָט איהר אויסגעצויגען די האַנד און זי געבעטען זיך זעצען.

זי האָט זיך געזעצט לעבען איהם און געשמייכעלט אַזוי קינדיש...

הערמאַן איז פאַר גרויס גליק, ווי צוטומעלט געוואָרען, האָט איהר געשטעלט פראַגען איינע נאָך די אַנדערע.

זי האָט אויף יעדער פראַגע געענטפערט האַלב. הערמאַן האָט ניט געקענט באַגרייפען ווער זי איז.

— וועט איהר טרינקען וויין?



— אַביסעלע...

— געוויס, אַביסעלע... איך וועל אייך ניט אָנ׳שכור׳ען.

— איהר זייט אַ גוטער... — האָט זי איהם אָנגענומען פאַר׳ן האַנד בשתיקה פון באַקאַנטען.

— אַ, יע! צו אייך...

און פּלוצים האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— וואו וואוינט איהר?

— איך וועל אייך זאָגען...

— איך וואוין... — האָט ער געפּלאַפּעלט... — איך וואוין אין אַ שעהנעם געגענד...

ער האָט זיך אָפּגעהאַקט און באַלד צוגעגעבען:

— וועט איהר פאָהרען צו מיר?

זי האָט גלייך געענטפערט:

— יע...

הערמאַן איז צוטומעלט געוואָרען. זי וועט פאָהרען. געוויס... זי וועט פאָהרען... ווער איז זי?...

— קומט איהר אָפט אַהער?

— דאָס ערשטע מאָל!...

— דאָס ערשטע מאָל? — האָט הערמאַן זי באַוואונדערט...

— ביי גאָט!

— אָ, שווערט ניט, איך גלויב אייך...

ער האָט ניט געוואוסט ווי צו האַנדלען און געפרעגט:

— געהען מיר?...

— אויב איהר ווילט... — האָט זי שטיל געענטפערט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ...

הערמאַן האָט געוואָרפען אַ בעטענדען בליק צום באַקאַנטען.

— אָך, איהר קענט געהן, איך וועל אייך ניט שטערען.

הערמאַן האָט איהם געדריקט די האַנד און איז אַרויס מיט זיין גליק אויף דער גאַס.

ער האָט זי אַוועקגעזעצט אין אַ פאַרמאַכטען אויטאָמאָביל,

וועלכער איז געשטאַנען ביים טראָטואַר. געזאָגט דעם שאָפער די גאַס און דעם נומער און האָט זיך אויך אַריינגעזעצט.

— מיין ליעבע...

זי האָט איהם אַלס ענטפער אַ קוש געטאָן.

— זאָג מיר ווער ביזטו?

— צו וואָס? — האָט זי געענטפערט.

— איך האָב אַזאַ ווי דו קיינמאָל ניט געטראָפען. און פּלוצלינג האָט ער זיך ווי פון אַ חלום אויפגעכאַפּט...

— וועסטו ווילען אַ סך געלד...

— אַ, רעד נישט... איך שעהם מיך... — האָט זי זיך צעוויינט...

ער האָט געווישט איהרע טרעהרען און זי באַשאָטען מיט קושען...

דער אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי זיין האָטעל. ער האָט שנעל באַצאָהלט דעם שאָפער און זיך שנעל געלאָזט אויף די טרעפּ.

— געפעלט דיר ביי מיר? — האָט ער איהר געפרעגט, אַז זיי זיינען ביידע אַריין אין זיין וואוינונג, נאָכדעם ווי ער האָט געמאַכט ליכטיג.

— יע... שעהן... — האָט זי נאָכגעגעבען ווי אַ קינד.

ער האָט איהר אַראָפּגענומען פון קאָפּ דעם הוט... נאָכדעם דעם מאַנטעל.

עס איז פאַר איהם געשטאַנען אַ הערליך יונגעס בליהענדעס לעבען... פול מיט אינערליכע אונערשעפּטע פריידען, האָפנונגען און ערוואַרטונגען...

— ווער ביזטו? — האָט ער זי געדריקט צו זיך.

— און דו?

— איך... איך... איך ווייס ניט...

— איך ווייס אויך ניט... — האָט זי געשמייכעלט.

— אין דיר איז עפּיס דאָ אַזאַ מין טרויער... — האָט ער איהר אַריינקוקענדיג אין די אויגען געזאָגט...



— אַ טרויער? מעגליך...

— אָבער אויך אַזאַ מין פרייד...

— אַ פרייד?... מעגליך... — האָט זי נאָכגעגעבען...

. . . . . . . . . . . .

אין פענסטער האָבען אָנגעהויבען אַריינשיינען די ערשטע שטראַהלען פון טאָג...

זי איז שוין געשטאַנען אָן אָנגעטאָענע און האָט זיך געאיילט...

— איך מוז דיך זעהן נאָך אַמאָל... איך וועל קומען צו דיר... — האָט זיך הערמאַן געבעטען.

— געוויס... — האָט זי געשמייכעלט...

— לאָז מיר איבער דיין אַדרעס...

זי איז צוגעגאַנגען צום טישעל און האָט עפּיס אָנגעשריבען אויף אַ שטיקעל פּאַפּיער.

— איך דאַנק דיר...

— איצט מוז איך געהן...

— איך וועל דיך באַגלייטען...

— ניין... — האָט זי ניט ערלויבט... — לאָז מיך אַליין.

— דאַרפסטו געלד?...

— געלד? מיין גאָט... — האָט זי זיך צעוויינט. — איך וויל ניט...

— בלויז אויף אַן אויטאָמאָביל...

ער האָט איהר אַריינגעוואָרפען אין איהר האַנד־טאַש צוויי גאָלדענע מאַנעטען. זי האָט אַ שמייכעל געטאָן און איז שנעל אַרויס...

איהם האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז דורכ'ן טיר אַרויס דאָס גליק און די ליעבע...

ער האָט זיך געוואָרפען צום טישעל, גענומען דאָס שטיקעל פּאַפּיער... איהר אַדרעס.

ער האָט זיך גענומען לעזען...

אָבער ווי אַ מלאך וואָלט עס געשריבען, ער קען ניט פאַנג־

דערנעהמען די בוכשטאבען. דער נומער פון הויז איז אויך אזוי אונדייטליך. פון אלע ציפערען איז נאר בולט געווען א ציפער דריי. די איבעריגע פארפלאנטערט.

א טיעפע בענקשאפט האט איהם ארומגענומען. דער אדרעס, דער אדרעס... ער מוז דאך זי געפינען...

ער האט א גאנצען טאג געלעזען דאס שטיקעל פאפיער, געוואלט ארויסבאקומען פון די אותיות זיין גליק, געמאכט פאר־שיעדענע קאמבינאציעס.

עס איז ניט ארוים קיין דייטליך ווארט... ניט איהר נאמען, ניט איהר גאס, ניט איהר הויז...

זי האט עס טאקע אזוי שנעל געשריבען. ער האט ניט גע־כאפט זיך גלייך אכטונג געבען... זי איז גלייך ארוים און איהם געלאזען א פארפלאנטערטען אדרעס...

און צו ווענען ער האט זיך געווענדעט איבערצולעזען איהר אדרעס, האט קיינער ניט געקענט...

אזוי האט ער זי קיינמאל ניט מעהר באגעגענט און עס דאכט זיך איהם, אז זי איז געווען די איינציגע, וועלכע וואלט איהם גע־קענט געבען גליק און רוהע און דוקא צו איהר קען ער ניט קומען.

אנשטאט איהר — האט ער א שטיקעל פאפיער מיט אונדייט־ליכע ווערטער פון ערגעץ א גאס, א הויז, א טיר און א נאמען, וועלכע זיינען זיכער דא, אבער ער קען עס ניט געפינען. דער אדרעס איז פארפלאנטערט...